בעזרת השם יתברך

# סיפורי מעשיות

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת
עקב
כב מנחם-אב
שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 2, גליון 32
(47)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, שַׁבָּת חֲזוֹן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועןְ אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועןְ דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה י, מִבֶּעְרְגִיר וְעָנִי.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן דֶער קֵיסָר (דְּהַיְינוּ דֶער אָרוּם מַאן וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין קֵיסָר אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט) הָאט שׁוֹין הַיינְט נִיט גִיוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט דֶעם בֶּערְגֶער. וָוארִין סֶע שְׁטֵייט נִיט אָן אַ קֵיסָר זָאל זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אַ בֶּערְגֶער.

## פַארְגֶעסְן אַלֶע טוֹבוֹת

דָא זֶעט מֶען וָואס הֵייסְט אַ 'כְּפוּי טוֹבָה'; וִוילַאנְג עֶר אִיז גֶעוֶועןְ אַן אָרֶעמַאן, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן דֶער בֶּערְגִיר הָאט אִים גֶעהָאלְפְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען זַיין וַוייבּ, דֶעמָאלְט הָאט עֶר אַיינְגֶעזֶען אִין דָאס גוּטְס וָואס דֶער בֶּערְגִיר הָאט אִים גֶעטוּן, אָבֶער וִוי נָאר עֶר אִיז גֶעוָוארְן גְרוֹיס, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ קֵיסָר דֶעמָאלְט הָאט עֶר שׁוֹין פַארְגֶעסְן אַלֶע טוֹבוֹת וָואס דֶער בֶּערְגִיר הָאט גֶעטוּן מִיט אִים.

אוּן זַיין וַוייבּ דִי קֵיסָרְטֶע. זִי הָאט נִיט אָפְּגִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם בֶּערְגֶער (דְהַיְינוּ זִי הָאט מִיט דֶעם בֶּערְגֶער גִיהַאלְטִין וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִיוֶועןְ פוּן אִירֶעט וֶועגְן כַּנַּ"ל).

## הַכָּרַת הַטּוֹב פַארְ'ן צַדִּיק

זַיין וַוייבּ, דִי קֵיסָר'טֶע, אִיז גֶעוֶועןְ זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶע, דֶערְפַאר הָאט זִי נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס דֶער בֶּערְגִיר הָאט גֶעטוּן מִיט אִיר.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט פָארִיגֶע וָואךְ אוּן צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב צוּם צַדִּיק וָואס הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן, אוּן מִיר וֶועלְן רֶעדְן פוּן דֶעם אַ גַאנְצְן זוּמֶער, וִוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶער יְסוֹד אִין הִתְקָרְבוּת צוּ צַדִּיקִים. אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועןְ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָפְּגֶעוַואשְׁן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג צוּ קֶענֶען לֶעבְּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין פָּשׁוּטְ'ן שְׁפְּרַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען זָאל עֶר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זֶען עֶר זָאל דָאס אַלֶעס נִישְׁט פַארְגֶעסְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג

<<<

## חִינוּךְ וִוינְקְל

מַסֶּכֶת יוֹמָא דַף ט' [חֵלֶק ב]

### נַאס גֶעמַאכְט דִי גְמָרָא מִיט זַיין שְׁפֵּייעֶכְץ

פַארְגַאנְגֶענֶע דָאנֶערְשְׁטָאג בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אֵיידֶער זֵיי פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, הָאט מִיר מַיין מַאמֶע שֶׁתִּחְיֶ' דֶערְצֵיילְט אַזוֹי, אַ מִשְׁפָּחָה דֶערְצֵיילְט: זֵייעֶר טַאטֶע פְלֶעגְט גֵיין יֶעדֶע נַאכְט צוּ אַ שִׁיעוּר, זֵיי זֶענֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן וואוּסֶענְדִיג אֵיין זַאךְ 'טַאטִי קוּמְט אַהֵיים שְׁפֶּעט וַוייל עֶר הָאט אַ שִׁיעוּר', וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוָוארְן גְרוֹיס, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען וָואס דֶער טַאטֶע טוּט בַּיים שִׁיעוּר, דֶער טַאטֶע אִיז אָפְּגֶעשְׁלָאפְן דֶעם גַאנְצְן שִׁיעוּר פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְ'ן סוֹף, כָּל יָמָיו אִיז עֶר גֶעזִיצְן בַּיים דֶעם שִׁיעוּר אוֹיפְ'ן אָפֶענֶעם גְמָרָא אוּן עֶס נַאס גֶעמַאכְט מִיט זַיין שְׁפֵּייעֶכְץ, אָבֶער אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין, דֶער טַאטֶע הָאט דָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט? נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט אֵיין זַאךְ 'מַיין טַאטֶע גֵייט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ אַ שִׁיעוּר, מַיין טַאטֶע לֶערְנְט' - דָאס אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין זֵיי אוּן זֵיי אוֹיךְ גֶעמַאכְט לֶערְנֶען.

נֶעם נִישְׁט יֶעצְט דִי דְרָשָׁה אוֹיף צוּ זָאגְן "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער עִיקָר אִיז גֵיין צוּם שִׁיעוּר, דִי קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן 'טַאטִי גֵייט צוּ אַ שִׁיעוּר', אוּן דֶערְנָאךְ קֶען מֶען זִיךְ שְׁפִּילְן דָארְט מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאן..." נֵיין! אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ אַ שִׁיעוּר אוּן זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן דָארְט מִיט אַ אָפֶענֶע גְמָרָא, אוּן דָאס צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט דֶעם שִׁיעוּר צִי נִישְׁט - דָאס מַאכְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס, דֶער עִיקָר אִיז אַז דוּ הָאסְט אַ שִׁיעוּר.

### אִיךְ בִּין דֶער זוּן פוּן דֶעם אִיד...

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ רָב, אַ שָׁלִיחַ חַבַּ"ד, שְׁרַייבְּט עֶר אַז עֶר הֶערְט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוּן עֶר הֶערְט אַז מֶען רֶעדְט דָא פוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, וִויל עֶר מִיר דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גֶעוֶועןְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִינֶעם וַוייטְן רוּסְלַאנְד, וָואס הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קַיין לֶערְנֶען, אָבֶער עֶר אִיז גֶעוֶועןְ פַארְנוּמֶען אַלְץ מִיט זָאגְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט חוּמָשׁ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיּוֹת, שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר גֶעזָאגְט אוּן גֶעזָאגְט, דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַלְץ אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט סְפָרִים, דֶער טַאטֶע הָאט סְפָרִים, הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים; דִי קִינְדֶער זֶענֶען שְׁפֶּעטֶער גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז דֶער טַאטֶע לֶערְנְט נִישְׁט, נָאר עֶר זָאגְט סְתַּם דִי וֶוערְטֶער אָבֶער זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. עֶר דֶערְצֵיילְט עֶס וִוי דִי מַעֲשֶׂה וָואלְט פַּאסִירְט מִיט אַ דְרִיטְן אוּן צוּם סוֹף עֶנְדִיגְט עֶר צוּ: "אִיךְ בִּין עֶס, אִיךְ בִּין דֶער זוּן פוּן דֶעם אִיד וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה".

הָאבְּן אַן הַכָּרַת הַטּוֹב פַּאר'ן צַדִּיק, פַּאר'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט דִי אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

מֶען זֶעט לֵיידֶער מֶענְטְשְׁן וָואס בֶּעפָאר עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין לֶעבְּן, עֶר אִיז גֶעבֶּעךְ גֶעלִיגְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ קוּנְטְרֵס, אַ גִּלְיוֹן, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דִי נוּמֶער פוּן דִי הַאטְלֵיין 'קוֹל בְּרֶסְלֶב', אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעטוּן נֵייעֶ קְלֵיידֶער, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז גֶעלִיגְן אוּן אִים אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, יֶעצְט דֶערְזֶעט עֶר זִיךְ וִוי עֶר אִיז גָאר מְסוּדָר, עֶר לֶערְנְט שׁוֹין, עֶר הָאט שׁוֹין דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט שׁוֹין דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַן אָפֶּענֶעם מֹחַ וְכוּ' וְכוּ', הָאט עֶר אַלֶעס פַארְגֶעסְן, עֶר גֶעדֶענְקְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶענוּמֶען, עֶר גֶעדֶענְקְט שׁוֹין נִישְׁט וִוי אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן עֶר אִיז גֶעוֶוען, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעעֶפֶענְט קַיין סֵפֶר אוּן עֶר אִיז גֶעלִיגְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְּלָן וְכוּ', וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ מַכִּיר טוֹב זַיין דֶעם צַדִּיק אוּן גֶעדֶענְקְן פוּן וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶענוּמֶען.

### עֶר וָואלְט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' עֶטְלִיכֶע מָאל דֶעם לָשׁוֹן: אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט דוּרְכְטְרָאגְן, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט דוּרְכְטְרָאגְן; מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעבּוֹירְן, דְהַיְינוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן קִינְדֶער אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אֲוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר זֵיי, אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן אַפָּאר יָאר 'פְּתִיחַת הָאָרוֹן' פַאר זֵיי, מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען נִישְׁט מִיר וָואלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט אִים, אוּן אִים גֶעגֶעבְּן אַ שִׁידוּךְ, אוּן דָאס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶענוּג נָאר עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט מִיט אַ וַוייבּ הָאבּ אִיךְ אִים דָאס אוֹיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ פַאר אִים אוֹיךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, אוּן עֶר אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, אוּן יֶעצְט קוּמְט עֶר אִין גֶערִיכְט עֵדוּת זָאגְן קֶעגְן מִיר?!... [אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָאס הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט" (דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אוֹיף וַוייטֶער)].

### פַארְוָואס זָאלְן זֵיי זִיךְ מוּטְשֶׁען אִין לֶעבְּן?

אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט דָאס, גֵייט אִים אִין לֶעבְּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט מִיר דָאךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן פוּן אַלֶע מַיינֶע שְׁמוּץ, דֶער רֶבִּי הָאט מִיר דָאךְ אָנְגֶעקְלֵיידְט אַזוֹי שֵׁיין, אוּן יֶעצְט זֶענֶען דָאךְ נָאךְ דָא מֶענְטְשְׁן וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין דֶעם זֶעלְבְּן מַצָּב וואוּ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי זִיךְ מוּטְשֶׁען אִין לֶעבְּן? פַארְוָואס זָאל אִיךְ זֵיי נִישְׁט פַארְגִינֶען אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ דֶערְוִויסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס קֶען יֶעדְן הֵיילְן אוּן הֶעלְפְן?! אִיךְ זֶע צוּ וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּ, צוּ אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, גֶעבּ אִיךְ דָאס וַוייטֶער אִיבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַז נָאךְ מֶענְטְשְׁן זָאלְן וִויסְן פוּן דִי אַלֶע שֵׁיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

הָאט דֶער קֵיסָר גִיזֶעהְן אַז עֶר קָאן קֵיין שִׁידוּךְ נִיט טָאן מַחְמַת דֶעם בֶּערְגֶער. בִּפְרַט זַיין וַוייבּ הַאלְט מִיט אִים זֵייעֶר.

דְרוּם הָאט עֶר אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ טְרַאכְטְן מַחְשָׁבוֹת אוֹיף דֶעם בֶּערְגֶער. אוּן אִין דֶער תְּחִילָה הָאט עֶר גִיזֶעהְן אִים בְּדַלוּת צוּ שְׁטֶעלִין אוּן עֶר הָאט גִיטָאן תַּחְבּוּלוֹת. גְלַייךְ אַז וִוי סֶע אִיז נִיט פוּן אִים. אוּן הָאט אַלֶץ גִיזֶעהְן אִים גוֹרֵם צוּ זַיין הֶיזֵיקוֹת. אוּן אַ קֵיסָר קָאן דָאס בְּוַודַאי טָאן. הָאט מֶען אִים אַלֶע מָאל שָׁאדִין גִיטָאן אוּן מְהָאט אִים אַלֶץ אִיזְבַּאוֹיט גֶעלְט. בִּיז עֶר אִיז בְּדַלוּת גִיוָוארִין. אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין גָאר אֵיין אָרוּם מַאן.

### וֶוער הָאט דָאס אָנְגֶעדְרֵייְדְט?

וַוייל אַ קֵיסָר הָאט אַ כֹּחַ צוּ דֶערְנִידֶערְן אַ מֶענְטְשׁ; אַזוֹי וִוי מֶען קֶען הֶערְן אִין דִי נַייעֶס אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן חָשׁוּב אִין דֶער מְדִינָה, פְּלוּצְלִינְג הֶערְט מֶען וִוי יֶענֶער אִיז אִינְגַאנְצְן דֶערְנִידֶערְט גֶעוָוארְן בִּיז אוֹיס, עֶר הָאט אַלֶעס פַארְלוֹירְן, אוּן מֶענְטְשְׁן וַוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי דָאס הָאט פַּאסִירְט, וֶוער הָאט דָאס אָנְגֶעדְרֵייְדְט? אָבֶּער דָאס קוּמְט פוּן אַ צְוֵוייטֶער גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ אִין דֶער מְדִינָה וָואס הָאט נִישְׁט פַארְגִינֶען וִוי מֶען גֶעבְּט אִים אָפּ אַזוֹיפִיל כָּבוֹד דֶערְפַאר הָאט עֶר אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ קוּנְצְלִיכֶער וֶועג וָואס קֵיינֶער זָאל נִישְׁט כַאפְּן וֶוער עֶס הָאט גֶעטוּן, אַ וֶועג וָואס הָאט אִים אַלֶעס צוּגֶענוּמֶען אוּן אִים דֶערְנִידֶערְט.

אוּן זִי דִי קֵיסָר'טֶע הָאט אַלְץ מִיט דֶעם בֶּערְגֶער גִיהַאלְטִין. נָאךְ דֶעם הָאט דֶער קֵיסָר גִיזֶעהְן. אַז כָּל זְמַן דֶער זוּן לֶעבְּט (דְהַיְינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן) קָאן עֶר קֵיין אַנְדֶערִין שִׁידוּךְ נִיט טָאן. הָאט דֶער קֵיסָר זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל גִיוֶוען דֶעם בָּחוּר מַעֲבִיר זַיין פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן עֶר הָאט גִיטְרַאכְט מַחְשָׁבוֹת אִים מַעֲבִיר צוּ זַיין. אוּן עֶר הָאט אוֹיף אִים אוֹיף גִישְׁטֶעלְט בִּלְבּוּלִים. אוּן הָאט אוֹיף אִים גִיזֶעצְט שׁוֹפְטִים זֵיי זָאלִין אִים מִשְׁפָּטִין. אוּן דִי שׁוֹפְטִים הָאבִּין פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶעם קֵיסָרְס רָצוֹן אִיז אַז מִזָּאל אִים מַעֲבִיר מִן הָעוֹלָם זַיין הָאבִּין זֵיי אוֹיס גִיגִיבְּן דֶעם מִשְׁפָּט. אַז מִזָּאל אִים אַרַיין לֵייגִין אִין אַ זַאק (דְהַיְינוּ דֶעם בָּחוּר דֶער זוּן פוּן דֶעם בֶּערְגֶער) אוּן מִזָּאל אִים אַרַיין וַוארְפִין אִין יַם אַרַיין.

אוּן דִי קֵייסֶרְטֶע. קָאן אוֹיךְ גָאר נִיט טָאן אַקֶעגִין קֵיסָר. אִיז זִי גִיגַאנְגֶען צוּ דִי מְמוּנִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְמוּנֶה גִיוֶוען (גִיזֶעצְט גִיוֶוען) אִים אַרַיין צוּ וַוארְפִין אִין יַם אַרַיין אוּן זִי אִיז גִיקוּמֶען צוּ זֵיי אוּן אִיז זֵיי גִיפַאלִין צוּ דִי פִיס. אוּן זִי הָאט זֵיי זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אַז זֵיי זָאלִין דָאס אִיר צוּלִיבּ טָאן אוּן זֵיי זָאלִין אִים אַוֶועק לָאזִין. וָוארִין פַארְוָואס קוּמְט אִים מִיתָה. אוּן זִי הָאט זֵיי זֵייעֶר גִיבֶּעטִין אַז זֵיי זָאלִין נֶעמֶען אֵיין אַנְדֶערְן שָׁבוּי וָואס עֶר אִיז חַיָּיב מִיתָה אוּן זֵיי זָאלִין אִים אַרַיין וַוארְפְן אִין יַם. אוּן דֶעם בָּחוּר זָאלִין זֵיי לָאזִין. הָאט זִי דָאס בַּיי זֵיי גִיפּוֹעֶלְט.

### אַ שְׁטַארְקֶע וִוילְן

קוֹדֶם זָאגְט דֶער רֶבִּי: **"אוּן דִי קֵיסָר'טֶע קֶען אוֹיךְ גָארְנִישְׁט טוּן קֶעגְן דֶעם קֵיסָר"**, אָבֶּער צוּם סוֹף זֶעט מֶען אַז זִי הָאט יָא גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם בֶּערְגִיר'ס זוּן, זֶעט מֶען פוּן דָא אַז אוֹיבּ מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן, אַ מֶענְטְשׁ ווִיל עֶפֶּעס זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיסְפִירְן אוּן פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע וֶועגְן עֶס צוּ קֶענֶען טוּן, וֶועט עֶר עֶס צוּם סוֹף קֶענֶען בַּאוַוייזְן, וַוייל מִיט אַ שְׁטַארְקֶע וִוילְן קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶעס וָואס מֶען ווִיל.

אַוַודַאי קֶען אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיטְ'ן תֵּירוּץ: "אִיךְ קֶען נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דָאס מֶעגְלִיכְקֵייט עֶס צוּ טוּן", אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֵיינְט עֶס מִיטְ'ן גַאנְצְן אֶמֶת צוּ הֶעלְפְן דֶעם צַדִּיק וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן - וֶועט שׁוֹין טְרֶעפְן דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי אִים צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען.

הָאבִּין זֵיי אִיר גִישְׁווָאוֹירִין אַז זֵיי זָאלְן אִים לָאזִין. אוּן זֵיי הָאבִּין אַזוֹי גִיטָאן. אוּן זֵיי הָאבִּין גִינוּמֶען אֵיין אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ אוּן הָאבִּין אִים אַרַיין גִיוָוארְפִין אִין יַם אַרַיין. אוּן אִים הָאבִּין זֵיי גִילָאזְט. אוּן הָאבִּין אִים גִיזָאגְט. גֵיי גֵיי אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אוּן דֶער בָּחוּר אִיז שׁוֹין גִיוֶוען אַ בַּר דַעַת אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

### חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלָאזְן מוֹהֲרָא"שׁ?!

מִיר קֶענֶען הַיינְט עֶנְדִיגְן דִי מַעֲשֶׂה, אָבֶּער מִיר דַארְפְן זֶען אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דֶער עִיקָר פוּן דִי מַעֲשֶׂה, זִיךְ אָפְּצוּלֶערְנֶען דֶערְפוּן צוּ הָאבְּן אַן הַכָּרַת הַטּוֹב פַּאר'ן צַדִּיק וָואס הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן פוּן וואוּ דֶער צַדִּיק הָאט אִים גֶענוּמֶען, וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק אוּן צוּ וָואס דֶער צַדִּיק הָאט אִים צוּגֶעבְּרֶענְגְט, וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע לִימוּדִים דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אִים, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן בַּיים צַדִּיק.

וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְן מֶענְטְשְׁן מִיר הַאלְטְן אִין אֵיין זָאגְן "אֵיין טָאג וֶועסְטוּ נָאךְ אַוֶועק גֵיין פוּן מוֹהֲרָא"שׁ", אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס עֶפֶּעס זָאל אִיךְ חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלָאזְן מוֹהֲרָא"שׁ?! עֶר בְּרֶענְגְט מִיר צוּ אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, עֶר גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן!

## גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין זוּן...

גְלַייךְ וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"ש הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ גוּטֶער חַבֵר זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין צוּזַאמֶען, וַוייל אַ גוּטֶער חַבֵר אִיז גָאר וִויכְטִיג פַאר עֲבוֹדַת הַשֵם, הָאבּ אִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען מַיין חַבֵר ר' ... נֵרוֹ יָאִיר, אוּן מִיר פְלֶעגְן יֶעדְן טָאג שְׁמוּעֶסְן צוּזַאמֶען, אִיךְ פְלֶעג דָאס נִישְׁט טוּן אוֹיף דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין וַוייבּ, נָאר אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן 'כּוֹלֵל עֶרֶב'... דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז נָאךְ נַאכְטְמָאל בְּלַייבְּט מֶען נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ כּוֹלֵל עֶרֶב... פְלֶעגְט אִיךְ אַנְשְׁטָאט דֶעם 'כּוֹלֵל עֶרֶב' שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ בַּאשְׁטִימְטֶע פְלַאץ וואוּ מִיר פְלֶעגְן שְׁמוּעֶסְן, אוּן מִיר פְלֶעגְן זִיךְ זַייעֶר מְחַזֵק זַיין, יֶעדֶע בִּלְבּוּל אוּן יֶעדֶע לָשׁוֹן הָרָע וָואס מֶען אִיז מִיר גֶעקוּמֶען זָאגְן קֶעגְן מוֹהֲרָא"ש פְלֶעג אִיךְ דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְן וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים וְכוּ'.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵיידְט צוּ דֶעם חַבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן גֶעזָאגְט: דוּ גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ וִוי מֶען הָאט אוּנְז פְּרוּבִּירְט אַוֶועקְצוּנֶעמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע וֶועגְן? אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רֶעדְן צוּ דַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א עֶר זָאל דִיר אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער קְנַאקֶער אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן אַז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הֵייבְּט אָן בְּלִיעֶן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז מֶען הָאט שׁוֹין אָפְּגֶע'פַּטְרְ'ט מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן יֶעצְט זֶעט עֶר אַז אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג גֵייעֶן הֵיימִישֶׁע אִינְגֶעלַייט צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט 'מֵילָא דִי סְפַרְדִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֵייעֶן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ - אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג זָאלְן הֵיימִישֶׁע אִינְגֶעלַייט גֵיין צוּ אִים?!...' אַ צְוֵוייטֶער אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטֶע דִמְיוֹן פוּן הוֹילֶע שֶׁקֶר, כְּאִילוּ עֶר פְלֶעגְט טֵייפְּן בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אוּן הָאט גֶעזֶען וִוי מוֹהֲרָא"שׁ לֵיינְט אַלֶע טָמֵא'נֶע צֵייטוּנְגֶען אוּן עֶר קוּקְט... עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א: "גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין זוּן... "; פְלֶעגְן מִיר דָאס רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ, זִיךְ מְחַזֵק זַיין צוּזַאמֶען, מִיר פְלֶעגְן קוּקְן וָואס מִיר בַּאקוּמֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, וָואס מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט אוּנְז, דֶערְפַאר הָאבְּן מִיר נִישְׁט פַארְוָואס אוֹיסְצוּהֶערְן דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע וָואס מֶען רֶעדְט אִין גַאס קֶעגְן מוֹהֲרָא"שׁ.

## אַרַייְנְכַאפְּן אוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ 'אֲשֶׁר בַּנַחַל'

שְׁמוּעֶסְנְדִיג הָאבְּן מִיר גֶעהַאט עֶטְלִיכֶע זַאכְן וָואס מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען מְחַלֵק צְווִישְׁן זִיךְ, אֵיינְס פוּן דִי זַאכְן אִיז אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן וָואס מִיר רֶעדְן יֶעצְט; עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז אוֹיבּ אִיז טַאקֶע אַזוֹי יֶעדֶער גֵייט צוּם סוֹף אַוֶועק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שְׁנֶעל אַרַייְנְכַאפְּן אוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ 'אֲשֶׁר בַּנַחַל' אֵיידֶער מִיר גֵייעֶן אַוֶועק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אַוֶועק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי גַאנְצֶע זַאךְ, פַארְוָואס זָאלְן מִיר אָפְּלָאזְן דֶעם צַדִיק וָואס בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ?!

## מוֹהֲרָא"שׁ זָאל זֶען וֶוער אִיךְ בִּין!

נָאךְ אַ זַאךְ פְלֶעגְן מִיר זַיין מְחַלֵק, אִיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפִּירְט זִיךְ טוֹבְלְ'ן אִין מִקְוֶה אֵיידֶער אִיךְ פְלֶעג גֵיין צוּם שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט פַארְוָואס גֵייעֶן מִיר צוּ מוֹהֲרָא"שׁ? כְּדֵי עֶר זָאל אוּנְז פַארֶערְכְטְן אוּן לֶערְנֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אוֹיבּ אַזוֹי אִיז אֶפְשָׁר בֶּעסֶער נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה כְּדֵי מוֹהֲרָא"שׁ זָאל זֶען וֶוער מֶען אִיז! אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אַז אֵיידֶער אִיךְ גֵיי צוּם צַדִיק דַארְף אִיךְ זִיךְ טוֹבְלְ'ן אִין מִקְוֶה.

## מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא

נָאךְ אַ זַאךְ פְלֶעגְן מִיר זַיין מְחַלֵק וֶוען מִיר זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּ גְמָרָא, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען פִילֶע בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּ מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת.

## זִיצְן אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ בֶּענְקְל

אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט, רַבָּנִים וָואס זִיצְן אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ בֶּענְקְל אוּן וֵוייסְן גָארְנִישְׁט פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט - דָאס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט גֶענוּג, אִיךְ זוּךְ אַ צַדִיק וָואס פַארְשְׁטֵייט דִי וֶועלְט אוּן קֶען מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

## אִיךְ הֶעלְף מִיר אַלֵיינְס

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט 'שָׁלוֹם בַּיִת', פַאר אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם גֶעקְרִיגְט מִיט מַיין וַוייבּ, אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט, אָבֶּער דֶעם גֶעפִיל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַז וֶוען אִיךְ הֶעלְף אִין שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט 'אִיךְ טוּ אַ טוֹבָה פַאר מַיין וַוייבּ', נָאר אִיךְ הֶעלְף מִיר אַלֵיינְס, מַיין לֶעבְּן אוּן אִיר לֶעבְּן - אִיז אֵיינְס.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵיידְט צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן גֶעזָאגְט: דוּ בְּרֶענְגְסְט דַיינֶע קִינְדֶער אִין שׁוּל, דוּ מֵיינְסְט דוּ הֶעלְפְּסְט מִיט דֶעם דַיין וַוייבּ? דוּ הֶעלְפְּסְט דִיךְ אַלֵיין בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּבּ! מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּבּ דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵׁם, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ זַיין נְשָׁמָה

וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיג סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַחַל' הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט דָאס וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אַז זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ זַיין נְשָׁמָה אוּן עֶס אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוּן אָפְּגֶערֵיינִיגְט אוּן דֶערְנָאךְ צוּרִיקְגֶעלֵייגְט - דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אֲשֶׁר בַּנַחַל, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי יֶעדֶע בְּרִיוו בַּאזוּנְדֶער וַואשְׁט מִיר אָפּ אוּן רֵיינִיגְט מִיר אוֹיס פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

## אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין מַיין הִתְקָרְבוּת

אוֹיבּ דוּ פִילְסְט דָאס נִישְׁט, דוּ הָאסְט נִישְׁט דֶעם חַיוּת אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים, דַאן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין מַיין הִתְקָרְבוּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן פְרִישׁ בַּיים רֶבִּי'ן"**. אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶעזָאגְט: אִיךְ וָואלְט שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעפָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה קַיין אוּמַאן, נָאר אַזוֹי וִוי אִיךְ בַּאלַאנְג אִין 'קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' וֶוער אִיךְ אַ מִתְנַגֵד אוֹיבּ אִיךְ פָאר נִישְׁט קַיין אוּמַאן, דֶערְפַאר פָאר אִיךְ נָאךְ קַיין אוּמַאן..." זָאג אִיךְ אִים: קוֹדֶם כֹּל, וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (פְּסָחִים נ:): "מִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ", טוּן מִצְוֹת נִישְׁט מִיט דִי רִיכְטִיגֶע כַּוָונָה אִיז אוֹיךְ גוּט, וַוייל מִיט דִי צַייט וֶועט מֶען צוּקוּמֶען עֶס צוּ טוּן מִיט אַ גוּטֶע כַּוָונָה, צְוֵוייטְנְס, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אַמָאלִיגְן חַיוּת וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט בַּיים רֶבִּי'ן, אִין אָנְהֵייבּ וֶוען דוּ בִּיסְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן הָאסְטוּ דָאךְ גֶעבְּרֶענְט, הָאסְט גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דִיר לֶעבְּן, אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶערוֹיף טָאג נָאךְ טָאג וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר הֶעלְפְן אַז וֶועסְט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דַיין גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן.

## דָאס זֶענֶען פֵיינֶע מְנִיעוֹת

וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מִיר עֶר הָאט אַ מְנִיעָה, עֶר קֶען נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן, דִי וַוייבּ לָאזְט אִים נִישְׁט פָארְן, טַאטֶע מַאמֶע לָאזְן אִים נִישְׁט פָארְן וְכַדוֹמֶה, זָאג אִיךְ אִים: דָאס זֶענֶען פֵיינֶע מְנִיעוֹת, אָךְ אוּן וֵויי אַז דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ אַנְדֶערֶע מְנִיעָה פוּן דִיר אַלֵיינְס, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן 'וָואס דַארְף אִיךְ דֶעם רֶבִּי'ן...' וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מו) אַז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן שְׁוֶוערְסְטֶע מְנִיעָה זֶענֶען דִי מְנִיעוֹת פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם מֹחַ, דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן וָואס דַארְף אִיךְ דֶעם צַדִיק, עֶר הֵייבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן צַדִיק.

## דַארְפְסְט אַ לַאלִי?

אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נָאר אַז עֶר זָאל נָאךְ שְׁטֶערְקֶער וֶועלְן קוּמֶען, נָאךְ מֶער גְלִיסְטְן צוּם רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סו): **"כָּל דָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת"**, יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף טוּן, **"כְּגוֹן לִנְסֹעַ לְהַצַּדִיק"**, צוּם בֵּיישְׁפִּיל - פָארְן צוּם צַדִיק, **"אוֹ שְׁאָר דָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת"**, אָדֶער אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּן, **"נוֹתְנִין לוֹ**

**מִתְחִלָּה חֵשֶׁק כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה יֵעָשֶׂה הַדָּבָר**", בְּרֶענְגְט מֶען אִים פוּן הִימְל אַ גְלִיסְטֶענִישׁ אַז עֶר זָאל וֶועלְן טוּן דִי זַאךְ, "**וְעִקַּר גֹּדֶל הַחֵשֶׁק נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי הַמְּנִיעָה שֶׁמַּזְמִינִין לוֹ**", אוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט אַ גְלִיסְטֶענִישׁ פַאר'ן מֶענְטְשׁ אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הַאלְט אִים אָפּ, מֶען שְׁטֶערְט אִים עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען טוּן דִי גוּטֶע זַאךְ, "**כִּי כְּשֶׁאִישׁ יִשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת דָּבָר הַצָּרִיךְ לוֹ לְיַהֲדוּתוֹ, בִּפְרָט כְּשֶׁצָּרִיךְ לוֹ לַעֲשׂוֹת דָּבָר גָּדוֹל הַצָּרִיךְ לְיַהֲדוּתוֹ, שֶׁכָּל יַהֲדוּתוֹ תָּלוּי בָּזֶה - כְּגוֹן לִנְסֹעַ לְצַדִּיק אֱמֶתִּי**", וַוייל וֶוען אַ אִיד דַארְף טוּן אַ זַאךְ וָואס זַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם, וִוי צוּם בֵּיישְׁפִּיל עֶר דַארְף גֵיין צוּ אַן אֶמֶת'ן צַדִּיק, "**אֲזַי מַזְמִינִין לוֹ מְנִיעָה**", דֶעמָאלְט הַאלְט מֶען אִים אָפּ, "**וְזֹאת הַמְּנִיעָה הִיא בִּשְׁבִיל הַחֵשֶׁק, כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה יִהְיֶה לוֹ חֵשֶׁק יוֹתֵר לַעֲשׂוֹת אוֹתוֹ הַדָּבָר**", דָאס טוּט מֶען פַאר'ן מֶענְטְשׁ וַוייל מֶען וִויל עֶר זָאל מֶער אוּן מֶער גְלִיסְטְן צוּ דִי זַאךְ, "**כִּי עַל יְדֵי הַמְּנִיעָה שֶׁמּוֹנְעִין אֶת הָאָדָם מִן הַדָּבָר, עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה הִתְגַּבְּרוּת הַחֵשֶׁק מְאֹד**", וַוייל וֶוען מֶען וִויל עֶפֶּעס טוּן אוּן מֶען קֶען עֶס נִישְׁט טוּן - דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל עֶס נָאךְ מֶער וֶועלְן טוּן, "**כְּמוֹ לְמָשָׁל כְּשֶׁמַּרְאִין לְקָטָן דָּבָר הַנֶּחְמָד לוֹ, וְתֵכֶף וּמִיָּד חוֹטְפִין מִמֶּנּוּ וּמַחְבִּיאִין מִמֶּנּוּ, אֲזַי הוּא רוֹדֵף מְאֹד אַחַר הָאָדָם, וּמְבַקֵּשׁ וְחוֹשֵׁק מְאֹד לְאוֹתוֹ הַדָּבָר**", אַזוֹי וִוי מֶען וַוייזְט פַאר אַ קִינְד אַ גוּטֶע זַאךְ אוּן מֶען בַּאהַאלְט עֶס נָאכְדֶעם פוּנֶעם קִינְד, הֵייבְּט דָאס קִינְד אָן מֶער נָאכְצוּלוֹיפְן דִי זַאךְ אוּן עֶר הֵייבְּט אָן מֶער גְלִיסְטְן צוּ דֶעם, "**נִמְצָא שֶׁעִקַּר הַחֵשֶׁק נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי שֶׁחָטְפוּ מִמֶּנּוּ וְהֶחְבִּיאוּ אֶת הַדָּבָר**", דָאס גֶעשֶׁעהְט וַוייל דֶער קִינְד קֶען דָאס נִישְׁט זֶען אוּן קֶען דָאס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, דֶערִיבֶּער הֵייבְּט עֶר אָן מֶער בֶּענְקֶען צוּ דֶעם; זֶעט מֶען אַז דָאס שְׁטַארְקֶע גְלִיסְטֶענִישׁ קוּמְט פוּן דֶעם וָואס מֶען קֶען דָאס נִישְׁט הָאבְּן, "**כְּמוֹ כֵן מוֹנְעִין אֶת הָאָדָם בִּמְנִיעוֹת מֵהַדָּבָר הַצָּרִיךְ לוֹ, כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה יִהְיֶה לוֹ חֵשֶׁק יוֹתֵר**", דָאס זֶעלְבֶּע טוּט מֶען מִיט'ן מֶענְטְשׁ וָואס דַארְף טוּן גוּטֶע זַאכְן, מֶען הַאלְט עֶס אָפּ פוּן אִים כְּדֵי עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין אִים אַ שְׁטַארְקֶע גְלִיסְטֶענִישׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "**וְלֶחֶם סְתָרִים יִנְעָם**", בַּאהַאלְטֶענֶע בְּרוֹיט אִיז זִיס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "**וְעַל כֵּן רָאוּי לָאָדָם לָדַעַת כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנִיעוֹת גְּדוֹלוֹת מְאֹד מֵאֵיזֶה דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, יֵדַע וְיָבִין מִזֶּה, שֶׁזֶּה הַדָּבָר שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת הוּא נֶחְשָׁק גָּדוֹל מְאֹד**", דֶערִיבֶּער דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אַז וֶוען עֶר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריְקֵייטְן, מֶען הַאלְט אִים אָפּ פוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן - אַז דָאס אִיז נָאר כְּדֵי אוֹיפְצוּבוֹיעֶן זַיין חֵשֶׁק, "**וּבִפְרָט כְּשֶׁרוֹצֶה לִנְסֹעַ לְצַדִּיק הָאֱמֶת**", בִּפְרַט וֶוען מֶען וִויל פָארְן צוּם אֶמֶת'ן צַדִּיק. "**כִּי יֵשׁ צַדִּיקִים הַרְבֵּה**", עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אַסַאךְ צַדִּיקִים, "**אֲבָל יֵשׁ בְּחִינוֹת נְקֻדּוֹת הָאֱמֶת בֵּין הַצַּדִּיקִים שֶׁכְּשֶׁרוֹצִים לְהִתְקָרֵב אֵלָיו, שֶׁבָּזֶה תָּלוּי הַכֹּל**", אָבֶּער צְווִישְׁן דִי צַדִּיקִים אִיז דָא דֶער אֶמֶת'עֶר צַדִּיק וָואס דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אִים, "**אֲזַי יֵשׁ לְהָאָדָם מְנִיעוֹת גְּדוֹלוֹת רַבּוֹת מְאֹד, וּמִזֶּה בְּעַצְמוֹ יָבִין הָאָדָם גֹּדֶל מַעֲלַת הַנֶּחְשָׁק כַּנַּ"ל**", דֶעמָאלְט אִיז דָא זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת.

אִיךְ בִּין דָאס מַסְבִּיר מִיט אַ מָשָׁל, אַז דוּ פְרֶעגְסְט אַ קִינְד: "דַארְפְסְט אַ לַאלִי?" וֶועט עֶר זִיכֶער עֶנְטְפֶערְן: "יָא", אָבֶּער אַז דוּ גֶעבְּסְט אִים אַ גַאנְצֶע צִימֶער מִיט לַאלִי'ס, אוּן דֶערְנָאךְ פְרֶעגְסְטוּ אִים צִי עֶר דַארְף אַ נֵייעֶ לַאלִי, יֶעצְט וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דֶעם לַאלִי, וַוייל דָאס גַאנְצֶע חֲשִׁיבוּת פוּן דֶעם לַאלִי אִיז נָאר אַז דָאס בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט סְתָּם אַזוֹי; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז דָא אַ שְׁפִּיל וָואס מֶען שְׁפִּילְט מִיט קִינְדֶער, מֶען שְׁטְרֶעקְט אוֹיס עֶפֶּעס, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט עֶס צוּ נֶעמֶען, וֶוען זַיין הַאנְט דֶערְגַרֵייכְט עֶס שׁוֹין כִּמְעַט - שְׁלֶעפְּט מֶען עֶס צוּרִיק צוּ זִיךְ, אַזוֹי טוּט מֶען דָאס עֶטְלִיכֶע מָאל, אוּן דָאס פַארְגְרֶעסֶערְט מֶער אוּן מֶער זַיין חֵשֶׁק עֶס צוּ בַּאקוּמֶען, וַוייל דִי שְׁוֶועריְקֵייטְן עֶס צוּ בַּאקוּמֶען - בּוֹיעֶט אוֹיף אַ גְרֶעסֶערֶע חֵשֶׁק דֶערְצוּ, אוּן דָאס זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט יֶעדֶע נִסָּיוֹן פוּן עוֹבֵר זַיין אוֹיף אַן עֲבֵירָה חַס וְשָׁלוֹם, אִיז אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע נִסָּיוֹן נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט עֶס נִישְׁט טוּן דֶערְפַאר וֶוערְט עֶס אַ נִסָּיוֹן דֶער מֶענְטְשׁ זָאל עֶס יָא וִוילְן טוּן, אוּן מִיט דֶעם אִיז דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן מְנִיעוֹת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן אִין הִתְקָרְבוּת צוּ אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים אַז אַלֶעס אִיז כְּדֵי צוּ מַאכְן גְרֶעסֶער דֶעם חֵשֶׁק דֶערְצוּ.

בְּנוֹגֵעַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה; פְרֶעגְן מִיר אִינְגֶעלַייט וואוּ זָאל מֶען זַיין אִין אוּמַאן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה? זָאג אִיךְ אַזוֹי: יֶעדֶער זָאל זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן וואוּ עֶר וִויל זַיין, אָבֶּער אִיךְ וָואלְט גֶערָאטְן מֶען זָאל קוּמֶען אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס זֶענֶען דָארְט דָא עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים.

בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען נִישְׁט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כא): "**בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן, צְרִיכִין לְמַעֵט בְּדִבּוּר מְאֹד מְאֹד**", רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ רֶעדְן וָואס וֶוייניגֶער, "**וְאָמַר: שֶׁאָדָם גָּדוֹל צָרִיךְ לְדַקְדֵּק בָּזֶה בְּיוֹתֵר**", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ דַארְף נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין אֵיין אִיבֶּערִיגֶע וָוארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "**עַל־כֵּן הוּא אֵינוֹ אוֹמֵר בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן אֲפִלּוּ הַפִּיּוּט, רַק מַה שֶּׁיִּסֵּד רַבִּי אֶלְעָזָר הַקָּלִיר, אֲבָל שְׁאָר הַפִּיּוּט אֵינוֹ אוֹמֵר, מֵחֲמַת שֶׁאָדָם גָּדוֹל צָרִיךְ לְדַקְדֵּק אָז בְּיוֹתֵר לִבְלִי לְדַבֵּר שׁוּם דִּבּוּר שֶׁאֵינוֹ מֻכְרָח**", דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעפִּירְט נִישְׁט צוּ זָאגְן דִי אַלֶע פִּיּוּטִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט נָאר גֶעזָאגְט נָאר דִי פִּיּוּטִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֶלְעָזָר הַקָּלִיר הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זֵייעֶר אכטנג נִישְׁט צוּ רֶעדְן נָאר וָואס מֶען מוּז.

וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז פַאר מֶען אִיז גוֹזֵר אַ גְזֵירָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט מֶען פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיינְס פַּסְקְ'נֶען אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פַּסְקְ'נְט וָואסְפַארַא שְׁטְרָאף מֶען זָאל אִים גֶעבְּן (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קיג), דָאס הֵייסְט דֶער מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט פוּן אַנְדֶערֶע, עֶר דֶערְצֵיילְט וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט גֶעטוּן, פְרֶעגְט אִים אֵיינֶער: "וָואס זָאגְסְטוּ אוֹיף דֶעם?" אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט אָפּ אַז מֶען דַארְף יֶענֶעם גֶעבְּן אַזַאנְס אוּן אַזֶעלְכֶס, עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר הָאט זִיךְ יֶעצְט אַלֵיינְס גֶע'פַּסְקְ'נְט.

דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אִיךְ הָאבּ דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטוּן, אִין דִי צַייט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַבִּיסְל עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר הָאט זִיךְ יֶעצְט אַלֵיינְס גֶע'פַּסְקְ'נְט. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען נִישְׁט לַיידְן וֶוען אֵיינֶער טוּט אַן עֲבֵירָה וָואס עֶר טוּט נִישְׁט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת אוּן הַלְבָּנַת פָּנִים - דָאס נֶעמְט עֶר נָאךְ אָן, אָבֶּער אַז אֵיינֶער טוּט אַן אַנְדֶערֶע עֲבֵירָה - דַארְף מֶען שׁוֹין פַארְשֶׁעמֶען, דָאס שְׁטֵייט שׁוֹין אִין אַ אַנְדֶערֶע פַּרְשָׁה פוּן דִי תּוֹרָה... אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן אַזוֹי שְׁטְרָאפְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ זֶעלְבְּסְט. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אַ גַאנְץ יָאר, בִּפְרַט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי סִפְרֵי חַיִּים אוּן סִפְרֵי מֵתִים אָפְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה לב:).

וואוּ גֵייסְטוּ זִיךְ דְרֵייעֶן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה? אַ גַאנְצֶע יָאר קֶענְסְטוּ גֵיין בַּאזוּכְן אַלֶע בִּנְיָנִים אוּן הָאטֶעלְן, אָבֶּער עֶס אִיז דָאךְ הַיינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה! עֶס אִיז דָאךְ אָנְהֵייבּ יָאר!

לֵיידֶער זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טַאנְצְן אַרוּם בַּיים רֶבִּי'נְס צִיוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט... בִּיסְט אוֹיפְ'ן קָאפּ גֶעפַאלְן?! לָאמִיר זֶען טוּ דָאס אִין דַיין רֶבִּי'נְס קְוִויטְל שְׁטוּבּ, טַאנְץ דָארְט אַרוּם בִּיז פִינְף אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס...

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַ גַאנְץ יָאר וַוארְט אִיךְ שׁוֹין דֶערוֹיף, דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז דֶעמָאלְט מְתַקֵּן, דָאס מַאכְט אַז מֶען קֶען פַארְגֶעסְן אֲפִילוּ וואוּ מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט, מִיר הַאלְטְן יֶעצְט אִינְמִיטְן טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער אַז מִיר דֶערְמַאנֶען זִיךְ פוּן רֶבִּי'ן, אַז אָט אָט פָארְן מִיר שׁוֹין צוּם רֶבִּי'ן, וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ. אַזוֹי וִוי עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי רֶבִּי נָתָן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן מֶען הָאט זִיךְ פַארְשְׁמוּעֶסְט פוּן רֶבִּי'ן בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן: "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּינוּ", שְׁפֶּעטֶער עֶרְשְׁט הָאט מֶען זִיךְ גֶעכַאפְּט 'וִוי קֶענֶען מִיר טַאנְצְן, מִיר זֶענֶען דָאךְ אֲבֵלִים?!' אַזוֹי שְׁפִּיר אִיךְ יֶעצְט, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז מִיר פָארְן שׁוֹין צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז שׁוֹין מְתַקֵּן זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען דֶעם נִיגּוּן: "**אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה...**"